בס"ד
בלק תשפ"ד
גליון 199

# דעם רבינ'ס ליכט



אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין
וואס דא האט זיך גיטאן (שיהרו"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### שְׁטוּיבֶּעלֶעך...

אין די פַּרְשָׁה פון די וואך זעט מען אן אינטערעסאנטע זאך. בִּלְעָם האט מְקַנֵּא געווען די זאמד אויף וואס די אידן טרעטן ווען זיי גייען אין שוּל. ער האט אֲפִילוּ מְקַנֵּא געווען די קליינטשיגע זאמד וואס ליגט צווישן די קריצן פון די שיך, וואס מען האט מוֹרָא אריינצוברענגען אין שְׁטוּב עס זאל נישט שְׁמוּצִיג מאכן די פְּרִיש געוואשענע באלאטעס.

אָט די בְּרֶעקֶעלֶעך האט בִּלְעָם פארשטאנען אז ד א ס איז זייער טייער, דאס וואס מיר קערן אויס און מעןווארפט עס אַריין אין מיסט, איז בִּלְעָם אויסגעגאנגען אז ביי אים אין שְׁטוּב זאל זיין פול פון די שְׁטוּיב, ער וואלט געוואלט מיט די בְּרֶעקֶעלֶעך אָנְפִּילְן זיינע גלאנציגע מארמארשטיין וואס איז געלעגען מיט א גַּאֲוָה אויסגעלייגט קינצלעך אויף דער ערד אין זיין פּאלאץ.

ער האט געוואוסט וואס ס'מיינט בְּרֶעקֶעלֶעך. מיר געדענקען נישט אלעמאל די חֲשִׁיבוּת פון די קליינטשיגע בְּרֶעקֶעלֶעך, ער האט אָבער יא געוואוסט ווי געשמאק און ווי טייער דאס איז.

„בִּלְעָם, ביסט מְקַנֵּא די בְּרֶסְלֶב'ע אינגלעך?!"

„יא איך גיי אויס פון קִנְאָה,"

„נא בִּלְעָם, וואס איז דער פּראבלעם?! קענסט אריינגיין אין פעלד, עס ליגט דארט אויסגעלייגט צווישן די ביימער בענקלעך, זעץ זיך אויף איינע פון זיי און רעדט צום באשעפער וואס האט באשאפן די גאנצע וועלט און אויך דיר בִּלְעָם. פארצייל דעם אֱמֶת וואספארא פָּנִים די טראגסט!



„דו חָכָם וואס דו ביסט! דו מיינסט אז מיין קאפ ארבעט אזוי ווי דיין אידישע קאפ?! אויף דיר איז געזאגט געווארן 'הֶן עָם לְבָדָד יִשְׁכֹּן', דו טראכסט נאר פון תַּכְלִית. דו ביסט מיטן אויבערשטן, דו געדענקסט וועגן עוֹלָם הַבָּא, דו לערנסט מִשְׁנָיוֹת. דו אינגעלע ביסט זיך מְקַדֵּשׁ, דיין קאפ איז פול מיט הייליגע זאכן. דו ווייסט וואס ס'ליגט אין מיין קאפ?!"

„עס איז מיר בִּכְלָל נישט אינטערסאנט וואס ס'ליגט אין דיין קאפ!"

„איך זע אז דו פארשטייסט נישט וואס איך רעדט. א גוֹי גלייבט בִּכְלָל נישט אז ער טוט עפעס אויף דער וועלט, ער פארשטייט נישט אזא מין זאך אז דער באשעפער האט פון אים א נַחַת רוּחַ, דאס איז א גוֹי. א איד גייט אויף דעם וועג פון אַבְרָהָם אָבִינוּ - די הייליגע אָבוֹת, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, די וועג פון די הייליגע אֱמוּנָה.

ביי ענק אידישע קינדער איז דא א מִשְׁנָה „מה בין תַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ לְתַלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע," דו ביסט דאך א בְּרֶסְלֶב'ע אינגעל דו לערנסט זיכער די מִשְׁנָה שַׁבָּת נאכמיטאג אין פִּרְקֵי אָבוֹת. די תַּלְמִידִים פון בִּלְעָם האבן א שלעכט אויג, גַּאֲוָה, א.א.וו. לִכְאוֹרָה זעען דאך אלע דעם חִילוּק פון די תַּלְמִידִים פון אַבְרָהָם אָבִינוּ צו בִּלְעָם'ס תַּלְמִידִים, פארוואס פרעגט די מִשְׁנָה וואס איז

"דֶער חִילוּק?! יאָ?! ס'אִיז אַ גוּטֶע קַשְׁיָא?!"

"יָא, אִיךְ זֶע דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ גוּט לֶערְנֶען! בִּיסְט אַ גוּטֶער חֶבְרָה-מַאן, קַשְׁיוֹת הָאסְטוּ גוּטֶע, לָאמִיךְ הֶערְן אוֹיבּ תֵּירוּצִים הָאסְטוּ אוֹיךְ!"

"דֶער תֵּירוּץ אִיז אַזוֹי, (גֶעבְּרֶענְגְט פוּן רַבִּי נָתָן) מֶען דַארְף גוּט אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין דֶעם: דִי גוֹיִם גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען מַאכְן וָואס מֶען וִויל, מֶען קֶען עֶסְן דָבָר אַחֵר, מֶען קֶען טוּן אוּמְרֵיינֶע זַאכְן, עֲבֵרוֹת, אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען טוּן וָואס דִי הַארְץ בַּאגֶערְט. נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר דִי גוֹיִם זָאגְן רח"ל אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט דָא טוּן וָואס מֶען וִויל. אָבֶּער דִי תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם, "אוֹכְלִין בָּעוֹלָם הַזֶה וְנוֹחֲלִין בָּעוֹלָם הַבָּא," זֵיי וַוייסְן אַז נָאר וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, נָאר וֶוער עֶס אִיז זִיךְ מְקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר, נָאר אַזַא אֵיינֶער הָאט אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶער אַלְטֶער וֶועג מִיט דִי אֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

אָבֶּער דִי תַּלְמִידִים פוּן בִּלְעָם זָאגְן זָאגְן: 'נֵיין! מֶען קֶען טוּן וָואס מֶען וִויל, ס'אִיז אַ הֶפְקֵר וֶועלְט, מֶען קֶען זִיךְ אָנְפְרֶעסְן מִיט אַלֶע דְּבָרִים אֲסוּרִים, מִיט אַלֶע תַּאֲווֹת פוּן דֶער וֶועלְט,' אָבֶּער אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט גֶעפָּאַרְשְׁט אוּן גֶעזוּכְט, וָואס אִיז דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס רָצוֹן. אוּן נִישְׁט נָאר אַבְרָהָם אָבִינוּ, נָאר עֶס אִיז דָא אַ פָּסוּק אִין תְּהִלִים וָואס מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶונֶען, 'דִּרְשׁוּ ה' וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד', - דִּרְשׁוּ מֵיינְט פָאַרְשְׁן, 'ה' וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָּנָיו' - מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג זוּכְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס רָצוֹן, אֲפִילוּ הַיינְט וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין דָא תּוֹרָה וּמִצְוֹת, מִיטְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מִיט אַזוֹיפִיל סְפָרִים פוּן צַדִּיקִים, דַארְף מֶען נָאךְ אַלְץ זוּכְן וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וִויל פוּן מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ אוּן וָואס אִיז מַיין עֲבוֹדָה.

בִּלְעָם הָאט אִין דֶעם נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ טָמֵא'נִיאַק, בַּיי אִים אִיז דִי וֶועלְט הֶפְקֵר, עֶר הָאלְט נִישְׁט בַּיי גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אַלְס יוּנְגַאטְשׁ פוּן דְרֵיי אוּן דְרֵייסִיג יָאר, אוּן בַּאקוּמֶען אַזַא מִיתָה מְשֻׁנָּה, אִין צַייט וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּקוּמֶען נָאנְט צוּ דִי מַדְרֵגוֹת פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ! אָבֶּער וָואס? אַ גוֹי וִויל נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט נַחַת רוּחַ פוּן אִים, עֶר וִויל נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז זַיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת הָאבְּן אַ וֶוערְד.

אָבֶּער לְהַבְדִּיל מִיר, אִידִישֶׁע קִינְדֶער, פָּאלְגְן דִי צַדִּיקִים אַז אַבִּיסְל, אַ מַשֶׁהוּ, אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, אֲפִילוּ אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אַבְרָהָם אָבִינוּ אָבֶּער אִיךְ וֵוייס וִוי חָשׁוּב יֶעדֶע קְלֵיינֶע מִצְוָה'לֶע אִיז בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה אִין יֶעדֶע בְּרֶעקְל טוֹב, מַיין בִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז זֵייעֶר טַייעֶר. וַוייל "מִי מָנָה עֲפַר יַעֲקֹב," דִי שְׁטוֹיבּ אוֹיף וָואס מִיר טְרֶעטְן וֶוען מִיר גֵייעֶן אִין שׁוּל, דִי קְלֵיינֶע פְּסִיעוֹת אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב.

אַשְׁרֵינוּ, וואוּיל אִיז פַאר אוּנְז, וִוי טַייעֶר אִיז אַ אִינְגְל וָואס מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, וִוי שְׁטַארְק אִיז דִי אַהֲבָה פוּן בַּאשֶׁעפֶער צוּ אוּנְז, ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ, זָאגְט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ: "אֲפִילוּ מַכְעִיסִין וּמַמְרִים לְפָנָיו אֵינוֹ זָז מִתּוֹכָן - אֲפִילוּ אוֹיבּ דִי אִידְן דֶערְצֶערְנֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, רִירְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן זֵיי!"

אִין תּוֹרָה י"ז חֵלֶק שֵׁנִי בְּרֶענְגְט אוֹיךְ דֶער רֶבִּי: "דֶער וֶועג פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז נָאר צוּ קוּקְן אוֹיף אוּנְזֶער גוּטְס, אֲפִילוּ אוֹיבּ אִין דֶעם אִיז פַארְהַאן עֶפֶּעס וָואס אִיז נִישְׁט גוּט, קוּקְט עֶר נִישְׁט דֶערוֹיף." דַוְקָא דֶער רָשָׁע בִּלְעָם, עֶר הָאט גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אִין דִי אַלֶע זַאכְן.

הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאל קֶענֶען וֶוערְן מֶער נִכְלָל אִין דִי אֱמֶת'ע צַדִּיקִים וָואס נָאר בְּכֹחָם קֶענֶען מִיר אָנְקוּמֶען צוּ אוּנְזֶער תִּיקוּן אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וֶועט אוּנְז זַיין גוּט סַיי אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

# איין אשה'לע



## וויאַזוי צו מאַכן אַ פּאַספּאָרט!

די מַעֲשֶׂה גֵייט אַזוֹי: אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארק פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, כְּדֵי צוּ קֶענֶען פָּארְן דַארְף מֶען דָאךְ הָאבְּן אַ פַּאסְפָּאָרְט. אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וֶוען מִיר וֶועלְן גֵיין וֶועט אַלֶעס וֶוערְן מְסֻדָּר אוּן כְ'וֶועל גְלַייךְ בַּאקוּמֶען אַ פַּאסְפָּארְט. אָבֶער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעוָואלְט וַוייזְן אַז דֶער עִיקָר זַאךְ אִיז תְּפִלָּה, הָאט זִיךְ אוּנְז אוֹיפְגֶעוִויזְן אַז ס'הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אוּן מִיר הָאבְּן גֶעדַארְפְט אוּמְזִינְסְט צוּרִיקְפָארְן, דָאס הֵייסְט מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן סְתָּם אוּן צוּרִיקְגֶעקוּמֶען מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט (מִיט פִילֶע רְצוֹנוֹת...)

אַהֵיימְקוּמֶענְדִיג הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶענוּמֶען מַאכְן אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ מָאל תְּפִלָּה ע"ו, תִּיקוּן הַכְּלָלִי אַז אַלֶעס זָאל דוּרְכְגֵיין בְּשָׁלוֹם, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם אַמֶערִיקַאנֶער קָאנְסוּל

(אַלְס אַמֶערִיקַאנֶער בִּירְגֶער) אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף אוּנְזֶער רֵייעֶ הָאבְּן אוּנְז גֶעדַארְפְט הָאבְּן מַיין מַאמֶעס פַּאסְפָּארְט אוֹיךְ, הָאבְּן מִיר בַּאמֶערְקְט אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט אִיר נַייעֶ פַּאסְפָּארְט נָאר אַ פַּאסְפָּארְט וָואס אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעלָאפְן דֶער דַאטוּם, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַז מֶען וֶועט אוּנְז נָאכְאַמָאל אַהֵיימְשִׁיקְן מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט.

הָאבּ אִיךְ מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן זִיךְ גֶענוּמֶען ווַייטֶער מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט תְּפִלּוֹת אוּן תְּהִלִּים אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶער מֶענְטְשׁ בַּיים פֶענְסְטֶער הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיפְן דַאטוּם אוּן אַלֶעס אִיז גֶעגַאנְגֶען גֶעשְׁמִירְט, אוּן אִיךְ הָאף בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם צוּ קֶענֶען פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס ס'נֶעמְט צַייט!! אוּן פַאר אוּנְז הָאט עֶס גֶענוּמֶען שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם פַּאסְפָּארְט.

**נַחְמָן, תַּלְמוּד תּוֹרָה בְּרֶסְלֶב בֵּית שֶׁמֶשׁ**

**עַל כֵּן** רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְז פַאר דַיין נָאמֶען וֶועגְן, שְׁטֵיי צוּ אוּנְזֶער הִילְף מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי אֱמֶת'ע צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ זֵיי מִיט אַן אֱמֶת, אוּן זוֹכֶה זַיין בִּשְׁלֵמוּת צוּ רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן מַחֲשָׁבוֹת. מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין אוּן מְבַטֵּל זַיין אַלֶע דִינִים אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף אוּנְז גוּטֶע חֲסָדִים. זֵיי אוּנְז מְזַכֶּה דִיר צוּ אַנֶערְקֶענֶען אוּן צוּ וִויסְן דַיין דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט אוּן דַיין גֶעוֶועלְטִיגוּנְג אוֹיף אוּנְז, דוּ זָאלְסְט קֶענִיגְן אוֹיף אוּנְז מִיט דַיין כָּבוֹד ווִי אַמְשְׁנֶעלְסְטְן "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל, כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ, אוּן יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ זָאל וִויסְן אַז דוּ הָאסְט אִים בַּאשַׁאפְן, אוּן יֶעדֶער וָואס הָאט אַ נְשָׁמָה אִין זִיךְ זָאל זָאגְן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶער גָאט פוּן דִי אִידְן אִיז דֶער קֶענִיג אוּן זַיין קֶענִיגְרֵייךְ טוּט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אַלֶעמֶען."
זֵיי אוּנְז מְטַהֵר אוּן הֵיילִיג אוּנְז מִיט דַיין הֵיילִיגֶע דֶערְהוֹיבֶּענֶע קְדוּשָּׁה פוּן יֶעצְט בִּיז אוֹיף אַלֶעמָאל אָמֵן סֶלָה.

*(שטיקל פון תפלה ע"ו)*



מיט צעבראכענע הערצער און גרויס טרויער האט די וואך כלל ישראל ובפרט חסידי ברסלב באגלייט די מיטה פון די חשוב'ע רביצין שרה בת ר' אברהם געלבאך ע"ה. מיט דעם האבן מיר פארלוירן אן אבידה וואס איז אומשאצבאר. די רביצין האט געהאט די ברסלב'ער מסורה. זי האט מיטגעברענגט פון איר היים אן אוצר. זי האט געדענקט א געוואלד און געזען אויגן וואס האבן געזען אויגן און אזוי ווייטער... דער אויבערשטער האט איר באשאנקען מיט א געוואלדיגע זכרון וואס זי האט אויסגענוצט צום גוטן. לאנגע שעות איז זי געזעצן און דערציילט פאר די באזוכער פון אומאן פארן קריג. זי האט נאך קלאר געדענקט די עובדים, די חסידים, איר פעטער ר' מתתי, דער הלוך ילך פון קלויז.

די רביצין איז געווען א דמות פון באשיידנקייט און מידות טובות. זי פלעגט אויפנעמען אירע באזוכער בספר פנים יפות. איבערהויפט איז זי געווען צוגעבינדן צום הייליגן רבי'ן, פון ווען זי איז א נאנטע אייניקל. זי האט געלעבט און געאטעמט מיטן הייליגן רבי'ן. נאך פון אלס קליין קינד פלעגט זי שטענדיג לויפן צום רבי'נס ציון זיך אויסגיסן דאס הארץ.

די רביצין איז אויפגעוואקסן אין א הייליג שטוב ביי איר פאטער, הר"ר אברהם דזשעראגאווסקי ז"ל, וועלכער האט זיך מוסר נפש געווען פאר אידישקייט אין אומאן, איינשטעלנדיג זיין לעבן. די רביצין, ווי יונג זי איז דאן געווען איז זי שטענדיג געשטאנען צו די רעכטע זייט פון אלע זיינע עסקנות.

די רביצין איז אריבער שרעקליכע יסורים ביי די קאמוניסטן און דערנאך ביים צווייטן וועלט קריג און ז' איז דאס אלעס בייגעשטאנען מיט איר שטארקע אמונה אין איינציגן באשעפער און התקשרות צום רבי'ן.

נאכ'ן קריג האט זי זוכה געווען צו ווערן די אשת חבר פון הרה"ח ר' יצחק געלבאך ז"ל. מיט הבנה און געטריישאפט איז זי געווען א שותף אין זיין תורה און עסקנות.

זייער שטוב איז שטענדיג געווען אפן פאר נצרכים און ארימעלייט. נאכ'ן קריג ווען די וועלט איז געווען פאר'אבל'ט און פאר'יתומ'ט האבן זיי זיך דערבארעמט אויף די אומגקליקליכע. מיט זייער אנגענעמע שפראך און פייער פארן אויבערשטן האבן זיי מקרב געווען רחוקים. זיי האבן אויסגעפירט אן א שיער שידוכים און געהאלפן פירן אונטער די חופה חתנים און כלות.

א באזונדערע עבודה האט פארנומען די תפילות ביי די רביצין. נאכ'ן דאווענען האט זי יעדן טאג אויסגעזאגט דאס גאנצע ספר תהילים און דערנאך האט זי געהאט א גאנצע רשימה פון נעמען פאר וועמען זי האט מתפלל געווען און מיט דעם איז זי נאכנישט פארטיג געווארן. א גאנצן טאג זענען אירע תפילות געווען אויסגעגאסן איבער אירע ליפן. ביי יעדע זאך וואס זי איז אריבער האט זי גערעדט צום באשעפער און אים געלויבט און געדאנקט פאר אלע זייע חסדים וואס ער האט טוט איר.

די רעביצין איז געווען צוגעבינדן צו אירע קינדער און אייניקלעך בלב ובנפש און זיי אויף צוריק. יעדע שמחה אין דער משפחה האט זי באלעבט מיט לויב און דאנק צום באשעפער.

בעז"ה קומענדיגע וואכן וועלן מיר שרייבן מער באריכות איבער איר לעבן אין אומאן פארן קריג און שפעטער אין ארץ ישראל.



# ווי אַזוי קען מען זען די אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים?!

דער הייליגער רבי האט דערציילט אז אין זיין יונגע יארן איז ער געווען צוגעוואוינט צו עסן אסאך. דער רבי האט געהאט יסורים פון דעם האט ער אוועקגעווארפן די תאוות אכילה. נאכדעם האט ער געזען אז ער האט נאך א תאוה אויך צו דאס ביסל וואס ער עסט האט ער זיך מישב געווען, וואס איז א חילוק צו ער עסט אביסל מיט א תאוה אדער אסאך? צו וואס זאל ער צוגרינד לייגן זיין קערפער אומזיסט? און ער האט צוריק אנגעהויבן צו עסן. ער האט אריינגעלייגט אלע זיינע אנדערע תאוות אין תאוות אכילה.

שלש סעודות ביים טיש פונעם רבי'נס שווער. אין צימער איז טינקל בשעת רעוא דרעוין. דער רבי זיצט זיך אין א ווינקל און מאכט זיך זיינע ענינים ווי ער איז צוגעוואוינט. ער הייבט אן צו מתפלל זיין צום באשעפער אז ער זאל אים באווייזן די אבות הקדושים, אברהם יצחק און יעקב. ער האט זיך אונטערגענומען אז אויב ער וועט זוכה זיין זיי צו זען וועט ער אויך אוועקווארפן די תאוות אכילה.

און ער האט געמאכט וואס ער האט געמאכט, ער איז ערנסט אריין אין די ענינים און ער איז אנטשלאפן געווארן.

אינמיטן זעט ער דעם זיידן, דער הייליגער בעל שם טוב אין חלום און זאגט אים דעם פסוק: "וְנָתַתִּי עֵשֶׂב בְּשָׂדְךָ לִבְהֶמְתֶּךָ (דברים יא).



ווען ער האט זיך אויפגעכאפט האט ער זיך געוואונדערט וואס פארא שייכות האט דער פסוק צו דער בקשה וואס ער האט געבעטן? איז אים אריינגעקומען אין געדאנק וואס ווערט געברענגט אין תקוני זהר: אין דאס ווארט "עשב" ווייזט די ע"ן און בי"ת אויף "בת עין" און ש"ן זענען די דריי אבות הקדושים. דאס מיינט אז אויב דו ווילסט זען די אבות איז נאר דורך "בְּשָׂדְךָ לִבְהֶמְתֶּךָ", דו דארפסט צעברעכן די בהמיות, די תאוות אכילה. פון דאן אן האט ער אינגאנצן אוועקגעווארפן אויך די תאוה פון עסן.

# וְויאַזוֹי קוֹיפְט מֶען פַאַרְמֶעגְנְס?!




רֶבִּי מָאטֶעלֶע אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי נָתָן אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען זַיין מְגִידוּת צוּ זָאגְן דְּרָשׁוֹת. וֶוען ר' מָאטֶעלֶע פְלֶעגְט קוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט אַרַיין, פְלֶעגְט עֶר נִישְׁט צוּפָארְן צוּם אַכְסַנְיָה, נָאר עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אִינְמִיטְן דִי גַאס, פְלֶעגְן קוּמֶען גְבִירִים אוּן אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל קוּמֶען בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּב אַרַיין, מֶען הָאט אִים בַּאצָאלְט גֶעלְט דֶערְפַאר.

אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אִינְמִיטְן גַאס, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר שְׁטֵייט, זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַן עוֹלָם אַרוּם אִים.

הָאט ר' מָאטֶעלֶע גֶעזָאגְט אַזוֹי: "דִי גְמָרָא זָאגְט (יומא דף כ"ג) 'הַנֶּעֱלָבִין וְאֵינָן עוֹלְבִין שׁוֹמְעִין חֶרְפָּתָן וְאֵינָן מְשִׁיבִין, עֲלֵיהֶן הַכָּתוּב אוֹמֵר וְאוֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבוּרָתוֹ' - דִי וֶועלְכֶע וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט אוּן פַארְשֶׁעמֶען נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן, זֵיי הֶערְן זֵייעֶר שַׁאנְדֶע אוּן עֶנְטְפֶערְן נִישְׁט צוּרִיק, אוֹיף זֵיי זָאגְט דֶער פָּסוּק זַיינֶע לִיבְּ הָאבְּער זֶענֶען אַזוֹי וִוי דִי זוּן וָואס גֵייט אַרוֹיס מִיט אִיר שְׁטַארְקֵייט.

וָואס זָאל אִיךְ טָאן אַז מִיךְ פַארְשֶׁעמְט קֵיינֶער נִישְׁט?! זָאגְט ר' מָאטֶעלֶע וַוייטֶער: "קֵיינֶער אִיז מִיךְ נִישְׁט מְבַזֶּה, וִוי קֶען אִיךְ זַיין פוּן דִי 'אוֹהֲבָיו' - וואוּ אִיךְ קוּם הָאבּ אִיךְ כָּבוֹד?!"

אַזוֹי רֶעדְט עֶר אַרוּם מִיטְן עוֹלָם. פְּלוּצְלִינְג רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: "אִיךְ דַארְף זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אִין דֶעם מֶענְטְשְׁן וָואס אִים אִיז מֶען יָא מְבַזֶּה! דָא אִיז דָא אֵיינֶער, רֶבִּי נָתָן וָואס אִים אִיז מֶען יָא מְבַזֶּה, אוּן עֶר שְׁוַוייגְט, עֶר עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, אִיז עֶר דָאךְ פוּן דִי 'אוֹהֲבָיו' - וְוִיל אִיךְ זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אִין דֶעם אִידְן! וָואס קֶען אִיךְ זִיךְ אַיינְקוֹיפְן?!"

הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט ר' שְׁלֹמֹה רְאוּבֵן זְלָאטֶע'ס, "גֵיי בְּרֶענְג מִיר ר' נָתָנְ'ס אַ סֵפֶר!" הָאט עֶר אִים גֶעבְּרַאכְט אַ 'לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת'! אוּן ר' מָאטֶעלֶע הָאט אִים בַּאצָאלְט אַ רוּבָּל. פַאר אַ רוּבָּל הָאט מֶען גֶעקֶענְט הָאבְּן צְוָוואנְצִיג לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת.

הָאט ר' מָאטֶעלֶע גֶעזָאגְט: "דָאס קוֹיף אִיךְ זִיךְ אַיין אִין דֶעם אִיד וָואס אִים אִיז מֶען מְבַזֶּה!"

דִי מַעֲשֶׂה הָאט הָרַב הֶחָסִיד רַבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִי"עַ דֶערְצֵיילְט בַּיים יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן ר' נָתָן, יָאר תש"מ. אוּן ר' לֵוִי יִצְחָק הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט דֶעם פָאלְגְנְדְן בַּקָּשָׁה: "בֶּאֱמֶת וָואלְטְן מִיר אַלֶע גֶעדַארְפְט עוֹסֵק זַיין

אִין הַדְפָּסָה אָבֶּער קֶען דֶען יֶעדֶער אֵיינֶער דְרוּקְן?! נָאר אַז ס'אִיז דָא אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר אִיז זִיךְ יָא מוֹסֵר נֶפֶשׁ, עֶר דְרוּקְט, דַארְף מֶען זֶען דֶעם אִינְגֶערְמַאן צוּהֶעלְפְן!

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן, דִי זְכוּת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זָאל מֵגִין זַיין אוֹיף אַלֶע אִידְן בַּאֲרִיכַת יָמִים וְשָׁנִים, אָמֵן.

(עַד כָּאן תּוֹכֶן דְּבָרָיו שֶׁל רלוי"צ זַצַ"ל)

הֱיוֹת דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט זֶענֶען אַרַיינְגֶעטַאנְצְן אִין דֶעם עִנְיָן אוּן גֶעגֶבְּן אַרוֹיס וָואךְ נָאךְ וָואךְ דֶעם הֶערְלִיכְן גִלְיוֹן, **'דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט'** מִיטְ'ן טֶעל-לַיין אוּן קַארְטְלֶעך פַאר דִי קִינְדֶער, דֶער גִלְיוֹן וֶוערְט צוּשְׁפְּרֵייט אוּן גֶעלֵיינְט דוּרְךְ טוֹיזְנְטֶער קִינְדֶער, בָּחוּרִים, אוּן עֶרְוַואקְסֶענֶע, אָבֶּער מִיר דַארְפְן אֵייעֶר הִילְף.

ר' נָתָן הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר זַיין פְּטִירָה, "אִיהר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט אוּן מִיט רָצוֹן אוּן מִיט טִרְחָא". וֶוערְט אַ שֻׁתָּף מִיטְן הֶעלְפְן צוּשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'נְס בְּלֶעטְל פַאר טוֹיזְנְטֶער קִינְדֶער אַרוּם דֶער וֶועלְט. אִין דֶעם זְכוּת וֶוערְט אִיר אַ שֻׁתָּף מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל שְׁטֵיין אִין זַייט אוּן קוּקְן וִוי מֶען דְרִיקְט מַיין סֵפֶר! וֶוער עֶס גִיבְּט פַאר מִיר דֶער נֶעמְט פוּן מִיר".

## סיפורי מעשיות מעשה יב' - דער בעל תפלה 2

וַיְהִי הַיּוֹם! אוּן סְ'גֶעוֶוען אַ 'מְדִינָה', וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען 'גְרוֹיס עֲשִׁירוּת' זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען 'עֲשִׁירִים'!

נָאר דָאס ['דֶרֶךְ' אוּן דָאס] 'פִּירֶערְכְץ' פוּן דֶער 'מְדִינָה', אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר ווִילְד [מָאדְנֶע] – וָוארְן סְ'הָאט זִיךְ בַּיי זֵיי אַלְץ גֶעפִּירְט, וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶעם 'עֲשִׁירוּת'! – אִיטְלֶעכְנְס 'מַעֲלָה', אוּן אִיטְלֶעכְנְס 'כָּבוֹד', אִיז נָאר גֶעוֶוען הֶועדְלִיג [לוֹיט] זַיין 'עֲשִׁירוּת'!

סְ'אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] גֶעוֶוען: אַז דֶער וָואס עֶר הָאט זַיין אֵייגְנְס [אִין זַיין בַּאזִיץ], אַזוֹיפִיל 'אֲלָפִים' אָדֶער 'רְבָבוֹת' (פִיל טוֹיזְנְט) 'גֶעלְט' – קוּמְט אִים דִי 'מַעֲלָה' אוּן דֶער 'כָּבוֹד'! אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל 'גֶעלְט' – קוּמְט אִים אַ 'אַנְדֶערֶע מַעֲלָה'!

אוּן אַזוֹי אַלֶע [אַנְדֶערֶע] 'מַעֲלוֹת' בַּיי זֵיי – אִיז אַלְץ גֶעוֶוען וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶעם 'גֶעלְט' וָואס אִיטְלֶעכֶער הָאט גֶעהַאט!

אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל 'אֲלָפִים וּרְבָבוֹת' [טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער־טוֹיזְנְטֶער], וִויאַזוֹי ס'דָארְט בַּיי זֵיי אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] גֶעוֶוען – דֶער אִיז שׁוֹין אַ 'מֶלֶךְ'!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט 'פָאנֶען'! אַז דֶער וָואס עֶר הָאט 'אַזוֹיפִיל' [אוּן אַזוֹיפִיל] 'גֶעלְט' – אִיז עֶר אִין 'דֶער פָאן'! – אוּן סְ'קוּמְט אִים 'דִי [גֶעווִיסֶע] מַעֲלָה', אוּן 'דֶער [גֶעווִיסֶער] כָּבוֹד', אִין 'דֶער פָאן'!

אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט 'אַזוֹיפִיל' [אוּן אַזוֹיפִיל] 'גֶעלְט' – אִיז עֶר אִין אַ 'אַנְדֶערֶע פָאן'! – אוּן סְ'קוּמְט אִים דָארְט

’דִי [גֶעוִויסֶע] מַעְלָה’ אִין ’יֶענֶער פָּאן’! – אַלְץ וֶועדְלִיג [לוֹיט] זַיין ’גֶעלְט’!

אוּן סֶע [סְ’אִיז] בַּיי זֵיי אוֹיף אַלֶעמֶען אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] גֶעוֶוען: – וִויפִיל ’גֶעלְט’ עֶר זָאל הָאבְּן, אַז עֶר זָאל הָאבְּן דִי [גֶעוִויסֶע] ’מַעְלָה’ אִין ’דֶער פָּאן’! – אוּן וִויפִיל ’גֶעלְט’ עֶר זָאל הָאבְּן, אַז עֶר זָאל שׁוֹין זַיין אִין אַ ’אַנְדֶערֶע פָּאן’, אוּן זָאל דָארְט עֶפֶּעס הָאבְּן אַ ’מַעְלָה’ אוּן אַ ’כָּבוֹד’!

אוּן אַזוֹי אִיטְלֶעכְנְס מֶענְטְשְׁנְ’ס ’כָּבוֹד’, אוּן גָאר זַיין ’מַעְלָה’ – אִיז אַלְץ גֶעוֶוען רַק וֶועדְלִיג [נָאר לוֹיט] זַיין ’גֶעלְט’ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט – אַזוֹי־וִוי בַּיי זֵיי אִיז אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] גֶעוֶוען, אוֹיף אִיטְלֶעכֶער ’מַעְלָה’ אוּן ’כָּבוֹד’, וִויפִיל ’גֶעלְט’ עֶר בַּאדַארְף צוּ הָאבְּן!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] גֶעוֶוען: אַז [אוֹיבּ] עֶר הָאט נָאר ’אַזוֹיפִיל [אוּן אַזוֹיפִיל] גֶעלְט’ – אִיז עֶר אַ ’גְלַאטֶער [פָּשׁוּטֶ’ער] מֶענְטְשׁ’!

אוּן אַז [אוֹיבּ] עֶר הָאט אָבֶּער נָאךְ וֵוייניִגֶער – אִיז עֶר שׁוֹין גָאר קַיין ’מֶענְטְשׁ’ נִישְׁט – נָאר עֶר אִיז אַ ’חַיָה’ אָדֶער אַ ’עוֹף’ (דְהַיְינוּ: דָאס אִיז נָאר אַ ’חַיָה’ וָואס הָאט אַ פָּנִים וִוי אַ ’מֶענְטְשׁ’)!

אוּן סְ’אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶוען [שְׁלֶעכְטֶע] ’חַיוֹת’ אוּן ’עוֹפוֹת’! – דְהַיְינוּ: אַז עֶר הָאט נָאר ’אַזוֹי אַבִּיסְל גֶעלְט’ – אִיז דָאס [וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן] נָאר אַ ’לֵייבּ’ – דָאס אִיז אַ מֶענְטְשְׁלִיכֶער לֵייבּ’! – אוּן אַז עֶר הָאט נָאר ’אַזוֹי אַבִּיסְל גֶעלְט’ – אִיז עֶר נָאר אַ ’עוֹף’!

אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַנְדֶערֶע [שְׁלֶעכְטֶע] ’חַיוֹת’ אוּן ’עוֹפוֹת’! – וָוארְן דֶער וָואס עֶר הָאט ’וֵוייניִג גֶעלְט’ – דֶער אִיז גָאר קַיין ’מֶענְטְשׁ’ נִישְׁט בַּיי זֵיי, נָאר עֶר אִיז אַ חַיָה’ אָדֶער אַ ’עוֹף’! – וָוארְן בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר דָאס ’גֶעלְט’ גֶעוֶוען! – אוּן דִי ’מַעְלָה’ אוּן דֶער ’כָּבוֹד’ פוּן אִיטְלֶעכְן, אִיז נָאר [גֶעוֶוען] וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶעם ’גֶעלְט’!

הָאט מֶען גֶעהֶערְט אוֹיף דֶער ’וֶועלְט’:

”אַז סְ’אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] אַזוֹי אַ [אַזַא] ’מְדִינָה’”!

הָאט דֶער ’בַּעַל־תְּפִילָה’, זֵייעֶר אַ ’גְרוֹיסְן קְרֶעכְץ’ גֶעטָאן דֶערוֹיף! – אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ”וֶוער וֵוייסְט וואוּהִין דִי ’דָאזִיגֶע’ קֶענֶען פַארְגֵיין [פַארְבְּלָאנְדְזֶענֶען; פַארְקְרִיכְן] דוּרְכְדֶעם”?!

הָאבְּן זִיךְ גֶעפִינֶען ’מֶענְטְשְׁן’ פוּן ’זַיינֶע לַייט’ [פוּנֶעם ’בַּעַל־תְּפִילָה] – אוּן הָאבְּן אִים גָאר קַיין דֵיעָה [מֵיינוּנְג] נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, אוּן זֶענֶען [אַהִין] גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] ’מְדִינָה’! – אַז זֵיי זָאלְן זֵיי אַרוֹיסְפִירְן דֶערְפוּן [זֵיי צוּרִיקְקֶערְן צוּם גוּטְן]!

וָוארְן זֵיי (דְהַיְינוּ: דִי ’לַייט’ פוּן דֶעם ’בַּעַל־תְּפִילָה’) – הָאבְּן ’גְרוֹיס רַחֲמָנוּת’ גֶעהַאט אוֹיף דֶער ’מְדִינָה’ – [אוֹיף] וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט [פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] גֶעוָוארְן אִין דֶער ’תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט’ – אוּן בִּפְרַט [אַז] דֶער ’בַּעַל־תְּפִילָה’ הָאט גֶעזָאגְט: ”אַז זֵיי קֶענֶען נָאךְ וַוייטֶער פַארְפִירְט [מֶער פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] וֶוערְן”!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] זֶענֶען דִי ’לַייט’ פוּן דֶעם ’בַּעַל־תְּפִילָה’ גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] ’מְדִינָה’! – טָאמֶער וֶועלְן זֵיי קֶענֶען אַרוֹיסְפִירְן זֵיי, פוּן זֵייעֶרֶע ’נַארִישְׁקַייט’ [זֵיי צוּרִיקְקֶערְן צוּם גוּטְן]!

דִי [לַייט פוּן דֶער ’בַּעַל־תְּפִילָה’] זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] ’מְדִינָה’ אַרַיין! – אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען [צוּ אֵיינֶעם פוּן זֵיי]! – מִן־הַסְתָּם [זֶענֶען זֵיי אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען] צוּ אַ ’קְלֵיינֶעם מֶענְטְשְׁן’ [וָואס עֶר הָאט ’וֵוייניִג גֶעלְט’], וָואס ’דֶער’ הֵייסְט בַּיי זֵיי אַ ’חַיָה’!

אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים צוּ שְׁמוּעֶסְן [אוֹיף זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער]: ”בַּאֲשֶׁר אַז צוּם ’אֱמֶת’, אִיז דָאס ’גֶעלְט’ גָאר קַיין ’תַּכְלִית’ נִישְׁט! – אוּן דֶער ’עִיקָר תַּכְלִית’, אִיז נָאר ’גָאט’ צוּ דִינֶען וְכוּ’”!

אוּן ’דֶער’, הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט צוּגֶעהֶערְט! – וָוארְן סְ’אִיז

שׁוין בַּיי זֵיי אַזוֹי אײַנְגֶעוָוארְצְלְט גֶעוֶוען אִין דֶער 'דֵיעָה' [מֵיינוּנְג]: "אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר דָאס 'גֶעלְט'"!

און אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁמוּעֶסְט נָאךְ, מִיט אַ 'אַנְדֶערְן'! – און עֶר הָאט אוֹיךְ, זֵיי נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט! און זֵיי [דִי 'לַייט' פוּנֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה'] הָאבְּן מִיט אִים וַוייטֶער גֶעוָואלְט שְׁמוּעֶסְן! – הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶענְטְשׁ' וָואס זֵיי הָאבְּן מִיט אִים גֶעשְׁמוּעֶסְט – הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט): "וַוייטֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט צַייט מִיט אַייךְ צוּ שְׁמוּעֶסְן"!

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס"?! הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בַּאֲשֶׁר [וַוייל] מִיר בַּאדַארְפְן אַלֶע אַרוֹיס [אַוֶועקְגֵיין] פוּן 'דֶער מְדִינָה', אִין אַ 'אַנְדֶערֶע מְדִינָה' אַרַיין! – וָוארְן מִיר הָאבְּן גֶעזֶעהְן: אַז דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית', אִיז נָאר דָאס 'גֶעלְט'! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז בַּיי אוּנְז גֶעבְּלִיבְּן [אָפְּגֶעמַאכְט]: אַז מִיר זָאלְן גֵיין צוּ אַזוֹי אַ [אַזַא] 'מְדִינָה', וָואס דָארְט מַאכְט מֶען 'גֶעלְט' (דְהַיְינוּ: סְ'אִיז דָארְט [פַארְהַאן] אַזוֹי אַ [אַזַא] 'עֶרְד', וָואס דֶערְפוּן מַאכְט מֶען 'גָאלְד' און 'זִילְבֶּער')! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] מוּזְן מִיר הַיינְט אַלֶע, גֵיין צוּ 'דֶער [דָאזִיגֶער אַנְדֶערֶער] מְדִינָה'"!

און וִוידֶער [אוֹיךְ] אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבְּן [גֶעוֶוען אָפְּגֶעמַאכְט]:

"אַז זֵיי ווִילְן, אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן 'כּוֹכָבִים' און 'מַזָלוֹת' אוֹיךְ (דְהַיְינוּ: 'שְׁטֶערְן' און 'מַזָלוֹת' וָואס אִין הִימְל)"!

דְהַיְינוּ: אַז דֶער וָואס עֶר הָאט 'אַזוֹיפִיל' און 'אַזוֹיפִיל' 'גֶעלְט', ווִיאַזוֹי זֵיי הָאבְּן דָארְט אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] דֶערוֹיף – 'דֶער' זָאל זַיין אַ 'כּוֹכָב' (דְהַיְינוּ: אַ 'שְׁטֶערְן')!

וָוארְן אַז עֶר הָאט 'אַזוֹיפִיל גֶעלְט' – הָאט עֶר זִיךְ דֶעם 'כֹּחַ' פוּן 'דֶעם [גֶעווִיסְן] שְׁטֶערְן'! – וָוארְן דוּרְךְ 'דֶעם שְׁטֶערְן', וַואקְסְט זִיךְ דָאס 'גָאלְד'!

וָוארְן [דָאס] וָואס סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] 'עֶרְד', וָואס פוּן אִיר מַאכְט מֶען 'גָאלְד' – אִיז זִיךְ דָאס מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דִי 'שְׁטֶערְן'! – וָואס דוּרְךְ זֵיי, וַואקְסְט דָארְט אַזוֹי אַ [אַזַא] 'עֶרְד', וָואס פוּן אִיר מַאכְט מֶען 'גָאלְד'!

– [קוּמְט אוֹיס: אַז דָאס 'גָאלְד', וֶוערְט נִמְשַׁךְ פוּן דִי 'שְׁטֶערְנְס']!

[אִיז ווִיבַּאלְד] אַז 'דֶער מֶענְטְשׁ' הָאט 'אַזוֹיפִיל גֶעלְט' – [קוּמְט אוֹיס]: הָאט עֶר זִיךְ דֶעם 'כֹּחַ' פוּן 'דֶעם שְׁטֶערְן'! – אִיבֶּערְדֶעם [אִיז צוּלִיבּ דֶעם] אִיז עֶר אַלֵיין אַ 'שְׁטֶערְן'!

(אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אַלְץ גֶעזָאגְט, דִי 'מְדִינָה' – וֶועדְלִיג [לוֹיט] זֵייעֶר פַארְפִירְטְקַייט [פַארְבְּלָאנְדְזְטְקַייט] אִין דֶעם 'גֶעלְט')!

און אַזוֹי [אוֹיךְ] הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "אַז זֵיי ווִילְן הָאבְּן 'מַזָלוֹת' אוֹיךְ"! דְהַיְינוּ: אַז אֵיינֶער וֶועט הָאבְּן 'אַזוֹיפִיל' און 'אַזוֹיפִיל גֶעלְט' – ווִיאַזוֹי [ווִיפִיל] זֵיי הָאבְּן דֶערוֹיף אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] – 'דֶער' זָאל זַיין אַ 'מַזָל'!

און אַזוֹי [אוֹיךְ] הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעמַאכְט 'מַלְאָכִים'! אַלְץ וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶעם 'גֶעלְט'! בִּיז סְ'אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבְּן [אָפְּגֶעמַאכְט]: "אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן 'גָאטְן' אוֹיךְ"!

אַז דֶער וָואס עֶר וֶועט הָאבְּן 'זֵייעֶר־פִיל גֶעלְט', אַזוֹיפִיל און אַזוֹיפִיל 'אֲלָפִים וּרְבָבוֹת' [טוֹיזְנְטֶער און צֶענְדְלִיגֶער־טוֹיזְנְטֶער] – ווִיאַזוֹי זֵיי הָאבְּן דֶערוֹיף אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] – 'דֶער' זָאל זַיין אַ ' גָאט'!

וָוארְן אַז 'גָאט' גֶעבְּט אִים 'אַזוֹיפִיל גֶעלְט' – אִיז עֶר אַלֵיין אַ 'גָאט'! [און זֵיי הָאבְּן טַאקֶע אַזוֹי אוֹיסְגֶעפִירְט און גֶעטוּהְן – אַלֶעס ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

ווִידֶער [נָאךְ] הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "אַז זֵיי קֶערְן גָארְנִישְׁט [עֶס פַּאסְט זֵיי נִישְׁט], צוּ זִיצְן אִין דֶעם 'אֲוִיר' [לוּפְט] פוּן דֶער וֶועלְט! – און זֵיי בַּאדַארְפְן גָארְנִישְׁט [עֶס פַּאסְט זֵיי נִישְׁט] צוּ זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט 'אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן'! – כְּדֵי זֵיי זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְטַמֵא זַיין! – וָוארְן דִי 'אִיבְּרִיגֶע מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶער וֶועלְט, זֶענֶען גָאר 'טָמֵא' אַקֶעגְן זֵיי"!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ זוּכְן, 'זֵייעֶר־הוֹיכֶע בֶּערְג', וָואס זֵיי זֶענֶען הֶעכֶער פוּן גָאר דֶער וֶועלְט [דִי 'הֶעכְסְטֶע בֶּערְג' פוּן דִי וֶועלְט]! – און זֵיי וֶועלְן דָארְט זִיצְן! – כְּדֵי זֵיי זָאלְן זַיין הֶעכֶער [און דֶערְהוֹיבְּן] פוּן [דִי 'לוּפְט' פוּן] דֶער וֶועלְט"!

**דאס לעצטע יאר ערב ראש השנה אין אומאן האט דער הייליגער רבי אזוי געזאגט:**

**אִיךְ ווִינְטְשׁ מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהן דָאס לֶעכְטִיקַייט פוּן דִיא וֶועגִין**
**וָואס אִיר פָּארְט אוֹיף זַייא צוּ מִיר.**





:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (2)

**א. ווער האט געקענט זיין קעניג אין די מדינה פון עשירות?**
- ☐ ווער ס'האט געהאט אזויפיל אלפים ורבבות, וואס איז געווען ביי זיי אפגעמאכט אז פאר אזויפיל געלט איז מען א קעניג
- ☐ ווער ס'איז געווען זייער שטארק
- ☐ דער אייניקל פון ערשטן קעניג

**ב. ווער האט געהייסן א חי' אדער א עוף אין די מדינה?**
- ☐ ווער ס'האט זיך אויפגעפירט וואו א חי' אדער ווי א פייגל
- ☐ ווער ס'האט שטענדיג געוויינט צום אייבירשטן
- ☐ ווער ס'האט געהאט גאר ווייניג געלט

**ג. וואס האט דער בעל תפילה געזאגט אויף די מדינה פון עשירות?**
- ☐ ער האט זייער געקרעכצעט און געזאגט ווער ווייסט ווי זיי קענען נאך פארגיין דורך דעם
- ☐ ער האט גאר נישט געזאגט אויף זיי
- ☐ ער האט געזאגט אז זיי האבן מער נישט קיין האפענונג

**ד. מיט ועמען פון די מדינה של עשירות האבן די מענטשן פון בעל תפלה אנגעהויבן צו שמועסן?**
- ☐ מן הסתם מיט מענטשן וואס מ'רופט זיי א שטערן
- ☐ מן הסתם מיט מענטשן וואס מ'רופט זיי א חי'
- ☐ מן הסתם מיט מענטשן וואס מ'רופט זיי א מלאך

**ה. פארוואס האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות געוואלט אריבער צו א אנדערע מדינה?**
- ☐ ווייל ס'איז געווען דארט אסאך עשירים
- ☐ ווייל פון די ערד פון די מדינה מאכט מען גאלד און זילבער
- ☐ ווייל משנה מקום משנה מזל

**ו. וועלכע דרגות איז געווען אין די מדינה של עשירות?**
- ☐ שטערן, מזלות,
- ☐ מלאכים, גאטן,
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. פארוואס זענען זיי געגאנגען צו די הויכע בערג?**
- ☐ כדי זיי זאלן נישט זיין מיט מענטשן פון דער וועלט
- ☐ כדי זיי זאלן האבן געשמאקע לופט
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק



### טיפער אריין

## וויפיל דרגות איז דער רבי מפרט - אז די מדינה של עשירות האבן רחמנא ליצלן געהאט?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

**אין וויפיל און וועלכע זאכן האבן עוסק געווען דער בעל תפילה מיט זיינע לייט חוץ לישוב ?**

זִיבְּן זַאכְן, - תפלות, שירות, ותשבחות, ווידויים, תעניתים, סיגופים, תשובה

**געווינער אויף בן המלך ובן השפחה 7 איז הילד החשוב צבי אלימלך מנדליאל, בית שמש**
**בעל תפלה 1 הילד החשוב נחמן דוב היילפרן, בית שמש**

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72  646-585-3040

# דעם רבינ'ס משלים



# אֵיינְס אִין דֶער וֶועלְט

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ חָשוּבֶ׳ער הַאר וָואס הָאט פַארְמָאגְט אַ הֶערְלִיכֶע גָארְטְן. אִין דֶעם גָארְטְן הָאבְּן זִיךְ גֶעפִינֶען אוּן גֶעשְׁפְּרָאצְט אַלֶע סָארְטְן גֶעוִויקְסְן וָואס אִיז נָאר פַארְהַאנֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, חוּץ פוּן אֵיין סָארְט גֶעוִויקְס וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִינֶעם גָארְטְן צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער גֶעוִויקְס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ טַייעֶרֶע סָארְט גְרָאז.



עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן, נָאךְ אַסַאךְ צַייט פוּן זוּכוּנְגֶען אוּן פְּלָאג הָאט דֶער הַאר גֶעלֵייגְט אַן הַאנְט אוֹיף אֵיין קֶערְל פוּן דִי סָארְט גֶעוִויקְס אוּן הָאט דָאס אַיינְגֶעזֵייט אִין זַיין גָארְטְן.

וִויבַּאלְד דִי סָארְט גֶעוִויקְס אִיז גֶעוֶוען אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער מְיֻחָס אִין דֶער גָארְטְן אוּן אוֹיף אַזַא קֶערְל שְׁוֶועבְּט אַ אוּמְגֶעהוֹיֶרע סַכָּנָה בִּיז עֶס וַואקְסְט צוּם רִיכְטִיגְן שְׁטַאפְּל, סַיי וַוייל מֶען דַארְף דִי רִיכְטִיגֶע מַאשִׁינֶען זִיךְ אֶפְּגֶעבְּן צוּ דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אוּן סְפֶּעצִיעֶלֶע מָאס אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט אִיר צוּ בַּאגִיסְן אוּן עֶרְנֶערְן נִישְׁט צוּ סַאךְ אוּן נִישְׁט צוּ וֵוייגִיג, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען זִי הִיטְן פוּן דִי פוֹיגְל וֶועלְכֶע לָאקֶערְן אוֹיף דִי זוּמֶען.

דֶערִיבֶּער הָאט דֶער הַאר גֶעשְׁטֶעלְט סְפֶּעצִיעֶלֶע הִיטֶערְס זָאלְן הַאלְטְן אַ וַואכְזַאם אוֹיג אוֹיף דֶעם קֶערְל, אֲפִילוּ אוֹיף אֵיין רֶגַע זָאלְן זֵיי נִישְׁט אָפְּטוּן זֵייעֶרֶע אוֹיגְן פוּן דֶעם קֶערְל.

ר׳ נָתָן הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם טֵייעֶרְן גֶעוִויקְס צוּם גָאר טֵייעֶרְן 'אֱמֶת' וָואס מֶען קֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזוֹי גְרִינְג, עֶס אִיז לַיידֶער פַארְוָוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן עֶס גֵייט נֶעבֶּען אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער אוֹיף אִיר.

אָבֶּער מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אוֹיף דֶעם אֱמֶת וָואס אִיז מֻשְׁלָךְ אַרְצָה וַוייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אִיז "שׁוֹמֵר אֱמֶת לְעוֹלָם" דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער'ס אוֹיגְן קוּקְט כְּסֵדֶר אוֹיפְן אֱמֶת זִי זָאל קֶענֶען שְׁטֵיין פֶּעסְט בִּיז עֶס וֶועט מְקֻיָּם וֶוערְן דֶער פָּסוּק אֱמֶת מֵאֶרֶץ תִּצְמָח, זִי וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן אוּן מַצְלִיחַ זַיין אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן הֶערְלִיכֶע פְּרוּכְט, וּשְׂפַת אֱמֶת תִּכּוֹן לָעַד (משלי יב, יט)

